# פרשת ראה - שופטים כ"ד אב – ז' אלול תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת ראה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אהרן ווייסבערג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום שני פרשת ראה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו למדינת אונגארן, להשתטח על קברי אבות (במיוחד לרגל היומא דהילולא של חותנו **כ"ק הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצוק"ל** אב"ד וואדקערט, בעל **פרי משה**, שנסתלק ביום ז"ך אב תש"ט לפ"ק, ומנו"כ בעיר וואדקערט יצ"ו), ואצל קברי שאר צדיקים אשר בארץ המה, להעתיר בעדו ובעד כל קהל עדת מרעיתו, להפקד בדבר ישועה ורחמים. - באמצע הדרך עצר **רבינו שליט"א** בעיר קרית יואל ועלה לציונו של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**, ושהה באמירת פרקי תהלים למשך זמן.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בעיר בודאפעסט, ונסע להעיר מאד להשתטח על קברי אבותיו, **הגה"ק בעל קול אריה זי"ע**, ובניו אחריו, ושאר גאונים וצדיקים הטמונים שם. אחר אמירת תהלים בבית החיים עבר **רבינו שליט"א** להיכל הבית הכנסת הגדול בעיר מאד, העומד על תילה בתפארתה, שמה אמר כמה מזמורי תהלים במקום שהתפללו בו אבותיו.

משם נסע **רבינו שליט"א** להעיר קערעסטיר, שמה טבל במקוה, והתפלל תפלת מנחה בביתו של **הרה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע**. אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לציון קדשו, ואמר פרקי תהלים, והעתיר בעד הכלל והפרט.

משם נסע להעיר אוהעל - ציונו של **הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, והרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע**. ליסקא - ציונו של **הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע** בעל **אך פרי תבואה**. טאקאי - קברי אבות, **הג"מ רבי יוסף דוד הורוויץ זצ"ל** (חותנו של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**). אחר כך חזר לעיר בודאפעסט והתפלל תפלת מעריב בבית המדרש בעיר.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

בשעות הבוקר התפלל **רבינו שליט"א** תפלת שחרית בבית המדרש בעיר בודאפעסט. אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** בלויית ראשי הקהלה, לבית המדרש הגדול - קוזינצי, ודיבר שם משך זמן זכרונות משנות קדם.

אחר כך נסע לעיר וואדקערט להתפלל על ציון חותנו **כ"ק הגה"צ אב"ד וואדקערט זצוק"ל** ביומא דהילולא. **רבינו שליט"א** אמר פרקי תהלים ליד האוהל שעל קברו למשך זמן.

משם נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאקאווא - ציונו של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא בעל **אהבת חיים**, וביקר גם בבית המדרש בעיר.

אחר כך נסע כברת דרך לעיר סערדאהעלי, מקום כהונתו של זקינו **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל**. והתפלל בבית החיים בעיר, מקום מנוחת גאונים וצדיקים רבני העיר במשך השנים, ובראשם **הגה"ק רבי יהודה אסאד זצוק"ל**, - גם מקום מנוחת זקינתו הרבנית מינדל ע"ה (**אשת הגה"ק מסערדאהעלי זי"ע הי"ד, בתו של הגה"ק משאמלויא זי"ע הי"ד**).

משם נסע לעיר פרעשבורג לשפוך שיח על ציון קדשו של **מרן החתם סופר זי"ע. רבינו שליט"א**

התפלל שם תפלת מנחה ברגשי קודש, ואמר מזמורי תהלים לזמן ממושך בהתעוררות רב. אחר כך קרא פתקאות מאנשי שלומינו, ונשא תפלה חרישית על הכלל והפרט למשך זמן. - משם נסע **רבינו שליט"א** לעיר וויען יצ"ו והתפלל תפלת מעריב בעיר.

*

***יום חמישי פרשת ראה***

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש קהל חסידים (בראשות האב"ד הגה"צ **רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א**). לא אמרו תחנון לכבודו של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** עלה לתורה ובירך ברכת הגומל בשם ומלכות.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** לדרכו לעיר הינטערגלעם עסטרייך למנוחה. על הדרך דיבר **רבינו שליט"א** בהתפעלות על נפלאות הבורא ביצירת הרים וגבעות, ובירך ברכת עושה מעשה בראשית בשם ומלכות, כמבואר בשו"ע (או"ח סימן רכ"ח).

בשעות אחר הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה ויום כיפור קטן בבית המדרש במלון.

*

***שבת קודש פרשת ראה - ראש חודש אלול***

בליל שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**.

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית המלון, בהשתתפות ציבור נרחב ששבתו שם במקום. בתוך הדברי תורה הזכיר **רבינו שליט"א** ענין שנפל בדעתו בעת שהשתטח על ציון קדשו של **מרן החתם סופר זי"ע**, שקדושת המקום האיר עיניו לבאר בזה כמה מקראי קודש בענין צדיק ורע לו ורשע וטוב לו וכו' (נדפס בגליון דברי תורה).

* * *

***יום שני פרשת שופטים***

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מען האט זיך כאטש אביסל אויסגערוהט?

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** וויפיל עס איז אויסגעקומען. אינדערהיים פלעגט מען פארן קיין קרעניץ און מארינבאד צו די בעדער, היינט איז עס מער פאר מנוחת הנפש.

**רבינו:** מען דארף האבן פרישע כוחות פאר די הייליגע טעג.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דארט פלעגן זיך צוזאמקומען אסאך צדיקים צוזאמען.

**רבינו:** עס איז מן הסתם געווען געציילטע פלעצער וואו מען האט געקענט עסן כשר'ס. מען האט נישט געהאט די כלים צו קאכען, עס איז נישט געווען קיין פרידזשידער"ס וכדומה. אסאך גדולי ישראל וואלטן זיך נישט געקענט איינער דעם אנדערן, ווען נישט וואס מען האט זיך געטראפן אין באד. יעדער איז געקומען פון א אנדערען מקום. אמאל איז מען נישט אזוי ארומגעפארן, אז מען זאל זיך קענען טרעפן. אפילו די בילדער וואס איז דא היינט פון די פריערדיגע גדולי ישראל, איז רובם ככולם פונעם באד. אז נישט וואלט מען נישט געוואוסט אפילו ווי אזוי זיי האבן אויסגעזעהן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** פון זיי האט מען זיך נישט געקענט באהאלטן...

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטן ז"ל** אז ער איז געווען אין מארינבאדביים **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, האט ער געזאגט, אז עס איז געווען דעמאלטס אויסגעשטעלט, אז עס זענען געווען ספעציעלע פאטאגראפירער וואס האבן זיך אראפגעשטעלט אויף די פלעצער וואו מען פלעגט שפאצירן, און זיי האבן גענומען בילדער פון יעדן איינעם. עס איז נישט געווען די קליינע מאשינען ווי היינט, נאר מען האט געדארפט אויפשטעלן א גאנצע מאשין, און זיי האבן עס אראפגעשטעלט אויף איין פלאץ, און ווער עס איז אדורכגעגאנגען אויף דעם פלאץ, האבן זיי גענומען בילדער, און דעם אנדערן טאג האבן זיי געמאכט א אויסלאגע פון הונדערטער בילדער

פון מענטשען, און יעדער וואס האט געוואלט האבן א בילד, פון זיך צו פון די משפחה, פלעגט דארט צו קויפן. און פון דארט נעמט זיך די בילדער פון די צדיקים, וואס איז מפורסם פונעם באד. אויסער דעם איז נישט געווען אז מען זאל נעמען א בילד פון איינעם אין שטוב, נאר אז מען שטעלט אראפ א גאנצע מאשין, און מען שטייט אקעגן. וואס איז יא דא, איז בדרך כלל, בילדער פון א פאספארט, וואס מען האט געדארפט האבן. און די אלע בילדער זענען טאקע פון איין מענטש אליין, וואס מען זעהט זיין צורה. און דאס וואס מען האט געמאכט אין די בעדער, איז אלעס מיט מענטשען צוזאמען וואו מען איז געגאנגען שפאצירן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** אין די שטאט וויען בכלל איז נאך די ערשטע וועלט קריג געווען א קיבוץ פון גדולי ישראל וואס האבן געוואוינט דא. די רוזינער קינדער, **רבי ישראל'טשע הוסיאטענער**, **רבי יוסף ענגעל**, און **רבי מאיר אריק**, און נאך אסאך.

**רבינו:** אין פוילן האט מען נישט אזוי מכבד געווען גדולי ישראל, אזוי ווי מען האט מכבד געווען אין אונגארן און די געגנט ארום. און דא אין וויען איז ער געזעסן בכבוד גדול, מען האט אים שטארק מכבד געווען. איך האב געזעהן א בריוו פון **רבי מאיר אריק זצ"ל**, אז נאך יארן וואס רבי מאיר אריק איז געווען דא אין וויען איז ער אהיימגעפארן, איך געדענק נישט וועלכע שטעטל עס איז געווען. און ער האט מן הסתם געדארפט טוישן די דירה וואו ער איז געווען, און ער האט אינגאנצן געהאט צוויי צימערן וואו ער האט געוואוינט. ער האט געהאט א טאכטער א גרושה, וואס האט אויך געוואוינט אין שטוב. און **רבי מאיר אריק** האט זיך זייער אפגערעדט אויף זיין דירה וואס ער האט געהאט. [איך האב געהערט די מעשה פון רבי אברהם יונה שווארץ זאל זיין געזונט (בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת משפטים תשע"ו לפ"ק בעיר פרעשבורג), און איך האב אים געפרעגט, וואס האט ער זיך אפגערעדט אויף די דירה. האט ער מיר געזאגט, אז עס איז געווען א אפלויף פון די אמאליגע בית הכסא וואס איז געגאנגען דארט, און עס איז שטענדיג געווען א ריח רעה אין די גאנצע ארום און ארום]. שרייבט רבי מאיר אריק אינעם בריוו, איך בין יעצט צוריקגעקומען אהער, און עס איז אינו דומה צו וואס איך האב געהאט אין די שטאט וויען. עס איז ניכר אז דער אור פונעם **חתם סופר** וואס האט אזוי גערעדט פון כבוד התורה, האט געהאט א רושם אויף די גאנצע געגנט, אז מען איז מכבד תורה. ער האט עס תולה געווען אינעם **חתם סופר זי"ע**.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער **מנחת פתים** (להגאון רבי מאיר אריק זצ"ל) איז א הפלא'דיגע ספר. דער **אלשטאדטער רב** איז אויך דא געווען. עס זענען אויך געווען דא אסאך דאקטורים, און וועגן דעם איז דאך דער **מיטעלער בעלזער רב, רבי יהושע זי"ע**, אויך געווען דא.

**רבינו:** ווער עס איז נישט געזונט געווען, און ער האט געזוכט א ערנסטע שפיטאל, איז געקומען ביז וויען.

**א' מהנוכחים:** דער **ראגאטשאווער** איז אויך געווען אין וויען.

**רבינו:** דער **בעלזער רב** איז אוועק אונטערוועגנס.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ער האט נישט געוואלט פארן.

**רבינו:** רגלוהי דבר נש אינון ערבין ביה (סוכה נג.).

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** זיי האבן געהאט אפענע אויגן. אין די פריערדיגע דורות איז געווען דא דער **אור זרוע**, ער שרייבט זיך אונטער **רבי יצחק מווינא**. דער **תוספות יום טוב** איז אויך געווען דא א תקופה. דער **תרומת הדשן** איז אויך געווען דא, ער שרייבט אז ער איז געגאנגען שפאצירן ערב שבת ביים דונא.

**רבינו:** דער דונא לויפט אדורך מערערע מדינות, אבער קען זיין אז ער האט עס געשריבן דא. עס איז א פלא אז זיי האבן זייער פרי געדאווענט ערב שבת. דער **תרומת הדשן** שרייבט, אז נאך די סעודה, איז נאך געווען טאג, און מען איז נאך געגאנגען שפאצירן. עס איז שוין געווען נאך פלג המנחה, ווי אזוי האבן זיי זיך א עצה געגעבן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דא ווערט שפעט נאכט. און בכלל האבן זיי נישט חייש געווען אויף תרתי דסתרי.

**רבינו:** עס איז דא וואס האלטן אז ערב שבת דארף מען נישט חייש זיין. - די **קאפישניצער**

**רבי'ס** האבן קידוש געמאכט מבעוד יום. דער **אהבת ישראל**, און די קאסוב'ער רבי'ס, די אלע האבן קידוש געמאכט פרי. זיי האבן שוין נישט געקענט אויסווארטן דעם שבת...

איך האב באקומען דעם ספר **'לך והודיעם'** (שנתחבר על ידי **האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** על קדושת יום השבת והמסתעף).

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דאס איז נאר בכתב, ביי זיי איז געווען בפועל. משה רבינו האט זיי אריינגעגעבן דעת.

ווילאנג בלייבט דער רבי דא.

**רבינו:** ביז דאנערשטאג.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** בסקירה אחת, מען מאכט עס שנעל.

**רבינו:** ווען איך וואלט נישט געהאט א פַּאסטען, וואלט איך אויך געטון אזוי ווי דער רבי טוט...

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דארט האב איך אסאך טירדות, אפשר נאך מער טירדות ווי די רבנים, דארף איך משלים זיין אסאך. עס איז נישט די בערג, נאר דא קען מען מער משלים זיין.

**רבינו:** מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ (תהלים לג-כג). מען האט דאך מתקן צו זיין יעדער איינער וואו ער קומט אן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** עס איז דא צוויי פשטים אויף דעם ודרכו יחפץ. אדער אז יעדער מענטש זוכט זיך זיין וועג. אדער ודרכו יחפץ, דער רבונו של עולם'ס וועג איז ער צופרידן. עס איז אלע ביידע ריכטיג.

**רבינו:** עס איז א פלא, עס שטייט אין **אמרי יהודא** (ברעזשאן) אין פרשת עקב, אז ער איז געווען אין באד צוזאמען מיטן **שואל ומשיב**, דער **שואל ומשיב** איז נישט געווען א חסיד, אבער ער האט זיך געהאלטן לצד דעם **דברי חיים**. שרייבט ער, אז דער **שואל ומשיב** האט זיך געטראפן מיט זיין פאטער (**בעל שפת אמת מברעזאן זצ"ל**) אין באד, און דער **שואל ומשיב** האט אים פארציילט די מעשה פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז דער **בעל שם טוב** האט אמאל געקרעכצט, און ער האט געזאגט נאכדעם, אז עס איז געווען א יוד וואס זיין פאטער'ס נשמה איז פארווארפען געווארן אין א ווייטען מקום, און דער זוהן האט געדארפט דארט מאכן א ברכה, און דעמאלטס וואלט ער מתקן געווען דעם פאטער'ס נשמה. און דער אייבערשטער האט צוגעפירט, אז דער יוד זאל אנקומען אהין אויף דעם פלאץ. ער האט געארבעט ביי א עושר, און דער עושר איז געפארן, און ער האט אים מיטגענומען, א גאנצע אריכת הדברים, ביז ער איז אנגעקומען אהין. און ער איז געווען זייער דורשטיג, און פון בהלה האט ער געטרינקען אן א ברכה, און ער האט נישט אויפגעטון וואס ער האט געדארפט אויפצוטון אויף דעם פלאץ. און דער **בעל שם טוב הק'** האט דאס צוגעזען, און ער האט זיך מצער געווען דערויף. די מעשה האט פארציילט דער **שואל ומשיב**. האט דער **שואל ומשיב** געזאגט, זעהט מען אז ווען א מענטש איז אונטערוועגענס, איז דא וואס ער האט מתקן צו זיין אין געוויסע מקומות. אמאל האט מען געטרינקען וואסער פון די קוועלער, אויף דעם וועג ווי מען איז געגאנגען. האט דער **שואל ומשיב** געזאגט, זייט דעמאלטס, ווען איך פאר אונטערוועגענס אין באד, און מען האט געדארפט טרינקען, און גיין, און ווייטער טרינקען [מען זעהט אויף די בילדער ווי זיי גייען מיט וואסער אין די האנט]. זוך איך צו טרינקען יעדן טאג וואסער פון א צווייטען מקום, טאמער האב איך אויף עפעס א פלאץ מתקן צו זיין, זאל איך עס מתקן זיין. - עס איז אזוי נישט פארן **שואל ומשיב** דער שמועס. - ווען מען איז אונטערוועגענס דארף מען עפעס אויפטון.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** עס איז דא א שמועס אין די פוסקים וועגן השותה לצמאו, צו אויב ער טרינקט עס לרפואה, צו עס דארף א ברכה. זיי האבן געדארפט אזוי אויסשטעלן אז זיי זאלן זיין דעמאלטס דורשטיג.

**רבינו:** מען קען קודם טרינקען עפעס אנדערש, און נאכדעם ארויסגיין.

ווילאנג בלייבט מען דא.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ביז מיטוואך אי"ה.

**וכיבדו רבינו לברך על הפירות**

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** מרא דאתרא.

**רבינו:** דא בין איך נישט בעל הבית, איך בין אויך א גאסט דא.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** אין אורח מכניס אורח.

**רבינו:** דא איז רבי אהרן בעל הבית (הכוונה על הרב אהרן גרינפעלד שליט"א משגיח ראשי במלון).

**הרב אהרן גרינפעלד:** עס איז א גרויסע אחריות.

**רבינו:** עס האט מיר א יוד געזאגט דא ביים דאווענען נעכטען, אז ער איז צוגעוואוינט ביים בענטשען צו זאגן הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה. זאגט ער, ווען מען בענטשט דא אין האטעל, און מען זאגט הרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה, איז דאך עס א גוי. עס שטייט אין די פוסקים אז מען זאל זאגן בני ברית.

**האדמו"ר מתולדות אהרן** (פנה להרב אהרן): עס איז מרמז אויף אייך אויך.

**רבינו:** ער נעמט אן די ברכות.

**ר"א גרינפעלד:** דער רבי זאל אנוואונטשען.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** וועט איר קענען צוריק וואונטשען, מיט אייערע ברכות, וואס איר האט אזויפיל ברכות באקומען.

**ר"א גרינפעלד:** ואברכה מברכיך (בראשית יב-ג).

**רבינו:** עס שטייט אין **חתן סופר** (פ' לך), ער ברענגט צו פונעם **חתם סופר**, אז דער **חתם סופר** האט געזאגט, ווען א יוד בעהט א ברכה, איז עס נישט א יוהרא אים צו בענטשען. ווייל אזוי ווי עס שטייט ואברכה מברכיך, מיינט מען פאר זיך, אז דער אייבערשטער זאל אים צוריק בענטשען.

*

**רבינו:** דער טאטע פלעגט אוועק פארן אויף א לענגערע צייט זומער?

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** יא, ער פלעגט פארן קיין ארוזה אין שווייץ, אויף צווי חדשים. דער ברודער, **רבי שלמה זלמן** (**אב"ד תו"א וומסב"ג זצ"ל**) פלעגט קומען יעדעס יאר. פון דארט איז געקומען די שטארקע נאנטקייט. ער האט געהאט דארט מער הרחבת הדעת.

**רבינו:** ער איז געגאנגען שפאצירן יעדן טאג?

**הרב גבריאל שישא** (משב"ק אצל האדמו"ר מתו"א): יעדן טאג, חוץ ווען עס האט גערעגנט.

**רבינו:** אין ארץ ישראל אליין נישט?

**ר"ג שישא:** דארט פלעגט ער אויך צו גיין.

**רבינו:** וואו?

**ר"ג שישא:** אין רמות, ארמון הנציב, עס איז נאכנישט געווען איסגעבויהט. ווען ער פלעגט גיין אין ארמון הנציב פלעגט ער זאגן, אז לפי חשבון האט אברהם אבינו געדארפט דא אדורכגיין אויף די וועג צו די עקידה.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** פון ארמון הנציב זעהט מען דעם בית המקדש, און ער פלעגט אלץ זאגן, אז אויף די בערג איז געגאנגען יעקב אבינו מיט די שעפעלעך.

**רבינו:** רש"י זאגט ביי יעקב אבינו, וישכב במקום ההוא, אז דער אייבערשטער האט מקפל געווען גאנץ ארץ ישראל אונטער אים. קומט אויס, אז יעקב אבינו איז געווען אויף יעדן פלאץ אין ארץ ישראל, און ער האט מקדש געווען יעדן מקום[א].

---

[א] להשלמת הדברים נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת ואתחנן העעל"ט: איך האב געטראכט היינט, אז רש"י זאגט ביי יעקב אבינו ווען ער האט געזעהן די מראה מיטן סולם, וואס עס איז געווען אויפן מקום המקדש, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, הארץ אשר אתה שוכב עליה, לך אתננה ולזרעך (בראשית כח-יג), דעם ערד אויף וואס דו ליגסט, וועל איך דיר געבן. א מענטש פארנעמט דאך נאר ד' אמות, ווי אזוי קען זיין אז נאר דאס, הארץ אשר אתה שוכב עליה, דעם שטיקל פלאץ, וועט אים דער אייבערשטער געבן. רש"י זאגט, אז דער אייבערשטער האט מצמצם געווען גאנץ ארץ ישראל אונטער יעקב אבינו, גאנץ ארץ ישראל איז געלעגן אונטער זיינע ד' אמות, און ער האט אים געזאגט, הארץ אשר אתה שוכב עליה, דו ליגסט יעצט אויף גאנץ ארץ ישראל, לך אתננה ולזרעך, דאס וועל איך געבן פאר דיר מיט דיינע קינדער.

רש"י איז מסביר, פארוואס האט דער אייבערשטער געטון אזא נס, אז ער האט צוזאמגענומען גאנץ ארץ ישראל אונטער יעקב, כדי שתהא נוחה לכבוש לבניו. אזוי ווי א קליין פלאץ איז גרינג איינצונעמען, האט אים דער אייבערשטער געוואלט ווייזען אז גאנץ ארץ ישראל וועט זיין אזוי ווי ד' אמות, עס וועט זיין א קלייניגקייט פאר דיינע קינדער איינצונעמען ארץ ישראל.

איך האב געטראכט, אז מען זאגט, אז צדיקים ווי זיי רירן צו, זענען זיי משרה א קדושה. דער אייבערשטער האט געוואלט אז יעקב אבינו זאל משרה זיין א קדושה אויף גאנץ ארץ ישראל, האט דער אייבערשטער גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס אונטערגעלייגט אונטער יעקב, האט דאך יעקב צוגערירט צו יעדע ווינקל וואס איז דא אין ארץ ישראל, און ער האט משרה געווען א קדושה. א צדיק נעמט אוועק די רוח מסאבא וואס איז דא אויף דעם מקום, איז דורך דעם וואס דער אייבערשטער האט גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס געלייגט אונטער יעקב, האט יעקב מיט דעם מקדש געווען גאנץ ארץ ישראל. ממילא וועט עס יעצט זיין נוחה

**ר"ג שישא:** ווען רבי שלמה זלמן האט אים אריינגעשלעפט אין א שמועס האט ער געקענט גיין לענגער, ער האט געהאט די מומחיות אים אריינצושלעפן אין א געהעריגע שמועס.

**רבינו התאונן על פטירת אחיו**

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** עס גייט ב"ה ווייטער די דורות.

**רבינו:** רבי אהרן (מ"מ **אב"ד תו"א וומסב"ג**) האט זיך זייער שיין אפגעגעבן מיט אים, ער האט זיך אינגאנצן מפקיר געווען.

---

ליכבש, יודען וועלן עס קענען גרינג איינעמען, וויל עס איז נישט דא דארט קיין טומאה, עס איז נישט דא ווער עס זאל זיך שלאגן, איז ממילא דורך די קדושה וועלן עס יודען קענען כובש זיין און אריינקומען קיין ארץ ישראל.

ווען איך האב עס געטראכט, האב איך זיך דערמאנט, אז מיט איבער פופציג יאר צוריק, בין איך אמאל געווען מיט **מיין טאטע ז"ל** ביים **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אין קרית צאנז. און עס איז געווען א שמועס, אויף וועלכע מקומות די אבות הקדושים האבן זיך ארומגעדרייט אין ארץ ישראל. עס איז דא פסוקים וואס עס שטייט וואו זיי זענען געווען, אבער אויסער די מקומות. האט דער **קלויזענבורגער רב** געזאגט, אונז וויס מיר דאך נישט, עס קען זיין אז דא וואו אונז זיך מיר, איז געזעסן אברהם אדער יצחק אדער יעקב, און זיי האבן מקדש געווען דעם מקום. האט ער געגעבן אזא שמייכעל, און ער האט געזאגט, דא זענען מיר מסופק צו זיי זענען געזעסן, אבער אין ניו יארק זענען זיי זיכער נישט געזעסן...

נאכדעם האט ער געזאגט, אז עס איז געווען אמאל א דארפסמאן וואס האט געזאגט, אז דער רבונו של עולם מוז זיין זייער הייליג. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי ווייסטו. האט ער געזאגט, וואס הייסט, ער האט אזויפיל צדיקים אויבן אין הימל, עפעס קלעפט זיך דאך אן אין אים... – האט ער געזאגט, אונז רעד מיר דא, צו אברהם איז יא געזעסן דא, צו ער איז נישט געזעסן דא. ארץ ישראל איז הייליג אן אברהם און אן יצחק און אן יעקב, עס איז הייליג. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו זיי זענען יא געזעסן דא, צו נישט.

לויט רש"י אז דער אייבערשטער האט געטומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס כובש געווען אונטער יעקב, קומט אויס, איך ווייס נישט צו ער איז געזעסן דארט, אבער געלעגן דארט איז ער זיכער, וויל ער איז געלעגן אויף גאנץ ארץ ישראל.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** און עס איז געווען אסאך ארבעט.

**רבינו:** אינו מצפה לתשלום גמול.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער חוט המשולש זאל גיין ווייטער. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א לעכטיג יאר, און א זיס יאר, און א געבענטשט יאר, מען זאל קענען אויסבעטן אלעס גוטס פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

**רבינו:** מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, מען זאל קענען מזכה זיין את הרבים, בשמחה ובטוב לבב. און די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** אמן. ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולנו, תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שופטים</u>***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בעיר מינכען בדרכו חזרה לעיר ניו יארק. בשעות המאוחרות הגיע **רבינו שליט"א** למעונו במחנה מתיבתא נחלת יעקב, ונתקבל על ידי בחורי הישיבה, שעברו לברכת שלום.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת שופטים</u>***

אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של האשה החשובה מרת קיסנער ע"ה (ממאנטריאל, אחות הרבנית מוואדקערט ע"ה - חמותו של **רבינו שליט"א**, שלא הניחה זש"ק).

*

***<u>שבת קודש פרשת שופטים</u>***

במוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מצאנז זי"ע** (מתוך הספר **אמת ויציב**). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג).

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

סיפר **הרב מבארניב זצ"ל** שפעם אחת היה בצאנז, **והרה"ק מצאנז זי"ע** נחלה מאוד על רגלו, והביאו אז

רופא גדול לצאנז, ואמר הרופא, שמוכרח לעשות ניתוח על הרגל תיכף, כי סכנה הוא. ואמרו **להרה"ק מצאנז** דברי הרופא, ושאלוהו אם הוא מסכים על זה. וישב איזו רגעים ועיין בזה, והשיב שהוא מסכים, אך בזה האופן דוקא, שלא יישנוהו בשלאף גיטראנק. ואמר הרופא, שאי אפשר לו זאת, כי הניתוח יהיה זמן רב, והכאבים יהיו גדולים מאוד, שאין בכוחו של אדם ניעור שיוכל לסבול זאת. ואמר **הרה"ק מצאנז**, שהוא מקבל עליו כל זאת על אחריותו. והסכים הרופא, בתנאי שיחתום בכתב על זה. כשעלה על שלחן הניתוח שאל **הרה"ק מצאנז** להרופא שיאמר לו בערך הזמן של הניתוח, ואמר לו בערך הזמן. ואמר **הרה"ק מצאנז** להרופא, עוד אחת אבקשך, שכל זמן שלא אעורר ואעמוד מעצמי אחר הניתוח, אל תעוררני כלל. וכן היה. והרופא עשה לו הניתוח כהוגן, בלי שום שלאף געטראנק, **והרה"ק מצאנז** לא הניע בשום אבריו מגופו, וכמו שיישן בשלאף געטראנק דמי, בכל משך זמן הניתוח. כשהרופא גמר הניתוח, לא ניער **הרה"ק מצאנז** ולא קם, אבל לא עשו מאומה, כפקודת **הרה"ק מצאנז**. וחיכו בערך רבע שעה, עד שראו **שהרה"ק מצאנז** מתחיל לנשום והניע בגופו וקם מאליו והניחוהו במטתו. אחר כך אמר **הרה"ק מצאנז** כי יש לו בקבלה מרבו **הרה"ק מראפשיץ זי"ע** יחוד אחד לייחדו, עד שמנועם היחוד אין מרגישין שום צער וכאב בעולם, ולפיכך צוה שלא לעוררו אחר הניתוח, עד שיגמור היחוד.

**ואמר רבינו:** דאס איז טייטש, אז ער האט געזאגט, אז ער האט געהאט אזא תענוג פון דעם יחוד וואס ער האט מייחד געווען דעם אייבערשטענס נאמען דעמאלטס, אז דער תענוג האט אים אוועקגענומען די גאנצע ווייטאג וואס א אפעראציע ברענגט מיט. דאס איז טייטש, אז עס קען זיין, אז א מענטש זאל פון איין זייט שפירן יסורים, און פן די אנדערע זייט, אויב ער האט א תענוג וואס איז גאר א גרויסער תענוג, טוט דער תענוג איבערוועגן די יסורים, אז ער שפירט עס נישט. - מיר האבן נישט קיין השגה וואס אונז רעדט מיר, אבער על כל פנים דער **צאנזער רב** האט געהאט אזא תענוג אין דעם יחוד וואס ער האט מייחד געווען, אז ער האט נישט געשפירט די אפעראציע.

**איך** מיין אז מען זאגט נאך אויפן **מודזיצ'ער רבי זצ"ל**, אז ער איז אויך אמאל אדורכגעגאנגען א אפעראציע, און ער האט אויך געזאגט אז מען זאל אים נישט איינשלעפן, אבער ער איז געווען זייער גרויס אין נגינה, און ער האט דעמאלטס בשעת מען האט אים אפערירט, זיך ארייגעטון אין נגינה, אז ער האט נישט געשפירט די אפעראציע וואס ער איז אדורכגעגאנגען. אין מודזיץ איז דא א ניגון וואס האט צענדליגער פעלער, און מען זאגט, אז דעם ניגון האט ער געמאכט דעמאלטס בשעת די אפעראציע.

**מיט** דעם פארשטייט מען נאך א זאך. עס ווערט צוגעברענגט אין די קדמונים, אז די יודען וואס מען האט פארברענט אויף קידוש ה', האבן נישט געשפירט קיין שום ווייטאג בשעת מען האט זיי פארברענט. זיי האבן נישט געשריגען, און נישט געמאכט קיין קולות, בשעת מען האט זיי פארברענט אויף קידוש ה'. ווייל דער וואס פארברענט זיך אויף קידוש ה', שפירט נישט קיין יסורים בשעת מען הרג'עט אים. און דער הסבר דערפון איז, אז די תענוג וואס זיי האבן, אז זיי טוען זיך פארברענען פארן אייבערשטען, איז אזוי גרויס, אז עס נעמט אוועק דעם צער וואס מען טוט זיי פייניגען. - עס שטימט מיט די מעשה, אז עס איז דא אמאל וואס א יוד איז זיך מייחד מיט א יחוד מיטן אייבערשטען מיט אזא נעימות, אז די נעימות נעמט אים אוועק די צער, אז ער שפירט עס נישט.

*

**אז** מען רעדט פון א מעשה, דארף מען עס לערנען אזוי ווי א תוספות. דארף מען דאך פארשטיין א צווייטע זאך, פארוואס האט דער **צאנזער רב** נישט געקענט באשטיין אז מען זאל אים איינשלעפן? ער האט טאקע א אנדערע וועג ווי אזוי ער קען עס אדורכמאכן אנדעם וואס מען זאל אים איינשלעפן, אבער איינשלעפן איז דאך אויך גוט. פארוואס האט ער זיך נישט געלאזט איינשלעפן, און ער האט געגומען א צווייטען וועג, ווי אזוי ער זאל קענען אדורכגיין די יסורים.

**דער** תירוץ דערויף איז פשוט. ווייל ווען א מענטש שלאפט, איז ער פטור פון אלע מצות שבתורה, ער איז אזוי ווי א שוטה. ווען מען טוט אים איינשלעפן, איז ער נישט אויף די וועלט, ער איז פטור פון אלע מצוות. ווען א מענטש גייט אמאל אדורך א אפעראציע, צו מען שלעפט איין אמאל א מענטש, ווען ער האט א עקסידענט, אויף א טאג צוויי דריי, און אין די צייט לייגט ער נישט קיין תפלין וכדומה, א שוטה איז פטור פון אלע מצות. און די זעלבע ווען איינער שלאפט, וואס ער איז נישט אויף דעם עולם, איז ער אויך פטור פון אלע מצוות. אבער אז ער טוט זיך מייחד זיין אינעם אייבערשטען, איז ער דאך אויף, איז חשוב'ער געווען ער זאל אויפזיין בשעת די אפעראציע, וואס דעמאלטס האט ער אויף זיך א חיוב פון מצות, און ער איז מקיים דעמאלטס אמונת אלקי עולם, איז דאך אסאך חשוב'ער ווי מען זאל אים איינשלעפן, און דעמאלטס וועט ער זיין פטור מן המצות. איינער וואס קען אדורכגיין ביידע וועגן, איז אים געווען חשוב'ער אז ענדערש זאל מען אים נישט איינשלעפן, ער זאל זיין א לעבעדיגער מענטש וואס איז מחוייב אין אלע מצוות פון די תורה, און דורך די יחוד און די אמונה וואס ער האט געהאט אינעם אייבערשטען האט עס צוגענומען פון אים די יסורים פון די אפעראציע.

**מ'יט** דעם פארשטייט מען נאך א זאך. מען ווייסט אז א מצטער איז פטור מן הסוכה, ווען עס רעגנט, צו עס איז קאלט, איז די הלכה אז מען איז פטור פון די סוכה. כאטש ביי אלע אנדערע מצות איז א מצטער אויך מחוייב, א מענטש קען זיך נישט פטר'ן פון א מצוה, ווייל עס קומט אים שווער אן, אבער ביי סוכה איז די הלכה אז עס דארף זיין תשבו כעין תדורו, און אזוי ווי פון א דירה וואלט מען ארויסגעגאנגען בשעת מען איז זיך מצטער, איז מען אויך פטור פון א סוכה. פונדעסטוועגן דאך, האט מען געזעהן אז צדיקים זענען געזעסן אין די סוכה אפילו עס האט גערעגנט, און אפילו עס איז געווען קאלט. מען איז געשלאפן אין די סוכה, מען איז נישט ארויסגעגאנגען פון די סוכה, אפילו עס איז געווען צער. און אנדערע פרעגן דערויף, אז מען געפונט אין חז"ל (ירושלמי שבת א) אז ווען איינער איז פטור מן הדבר ועושהו, נקרא הדיוט. עס איז גארנישט דא קיין מצוה. אז מען איז פטור איז מען פטור. וואס איז דער ענין אז זיי האבן עס געטון אפילו זיי האבן זיך מצער געווען.

**עס** איז דא א תשובה אין **מהרש"ג** (ח"א סימן ל"ה, ח"ב סימן ל"ט), און ער זאגט, אז א מצטער איז פטור מן הסוכה, נאר, אז ווען ער וועט ארויסגיין פון די סוכה וועט ער נישט האבן קיין צער. עס איז דא א זאך וואס איז אים מצער אין די סוכה, עס איז קאלט, גייט ער אריין אין שטוב איז איםווארעם. עס רעגנט, גייט ער אריין אין שטוב וואו עס רעגנט נישט. אבער ווען איינער איז זיך מצער אין די סוכה, און ווען ער וועט ארויסגיין פון די סוכה וועט ער זיך ווייטער מצער זיין, עס וועט נישט אוועקנעמען זיין צער. עס רעגנט אינדרויסן און עס רעגנט אין שטוב אויך, האט ער נישט קיין היתר צו גיין אין שטוב שלאפן, ווייל עס רעגנט אין די סוכה, און ער איז זיך מצטער, ווייל אין שטוב ביזטו זיך אויך מצער. ווען עס נעמט אוועק די צער, דעמאלטס איז מען פטור מן הסוכה.

**אזוי** ווי צדיקים זענען זיך מצטער ווען זיי גייען ארויס פון די סוכה, קומט דאך אויס אז ווען זיי וועלן ארויסגיין פון די סוכה וועלן זיי נישט ניצול ווערן פון דעם צער וואס זיי האבן אין די סוכה. און אדרבה אין די סוכה האבן זיי א תענוג, אז זיי זענען מקיים די מצוה פונעם אייבערשטען, זיי שפירן נישט דעם צער, אבער ווען ער גייט ארויס פון די סוכה דעמאלטס זענען זיי זיך מצטער, איז וועגן דעם זענען זיי נישט פטור מן הסוכה. - עס איז די זעלבע נקודה, ווען א מענטש האט צער פון איין זייט, און פון די אנדערע זייט האט ער אזא תענוג פון טון א מצוה פארן אייבערשטען, אז דער תענוג טוט אים איבערוועגן די צער, האט ער נישט א דין פון מצטער, וואס איז פטור מן הסוכה, וועגן דעם זענען זיי געשלאפן אין א סוכה, אפילו עס האט גערעגנט און אפילו עס איז קאלט געווען.

**ביי** סוכה איז די הלכה (או"ח תרלט-ב), אז מען דארף שלאפן אין די סוכה. די שאלה איז, ווען איז ער מקיים די מצוה? ווען ער שלאפט איז ער דאך פטור מכל המצות, ווי אזוי קען זיין א מצוה וואס מען זאל עס מקיים זיין שלאפעדיגערהייט. - דאס איז טייטש, די גאנצע מצוה איז, אז ווען ער לייגט זיך, זאל ער זיך לייגען שלאפען אין די סוכה. אבער בעצם בשעת ער שלאפט שוין, איז ער נישט מחוייב אין מצוות. ער איז נישט דא, ער עקזיסטירט נישט.

*

פעם אחת בא **הרב מבארנוב זצ"ל** לצאנז בחורף באישון לילה קרוב לחצות, והיה קור ושלג גדול, והוא היה עיף ויגע מאד מנסיעת הדרך. ועמד בהאכסניא אצל התנור לחמם עצמו, ופתאום בא הגבאי של **הרה"ק מצאנז**, בשליחות הרבי, שיבוא תיכף אליו. ומיהר עצמו והלך תיכף להרבי. כשנכנס קם **הרה"ק מצאנז** בשמחה רבה, ואמר לו, ברוך הבא **בארניבער רב**, שלום עליכם **בארניבער רב**, נכד **הרבי הקדוש שלי מראפשיץ זי"ע**. הנה זה כמה שעות שהנני מחכה עליכם, ומדוע אחרתם לבוא אלי עד הנה. **והרב מבארנוב** התפלא מאוד על הקבלת פנים היפה הזאת, שלא כדרך רגיל תמיד, ותיכף הבין שיש דברים בגו. והשיב שהדרך לא היה טוב, וממש בנסים הגיע לצאנז, כי שמע שכמה שליטענס עם אנשים נפלו בשלגים בדרך. ואמר לו **הרה"ק מצאנז**, ידעתי, וכמה תפלות התפללתי עבורו, שיבא בשלום לצאנז, כי הנני צריך לכבודו מאוד מאוד עתה. ושאל לו **הרה"ק מצאנז** אם כבר אכל סעודת הערב, ואמר, לא. ואמר **הרה"ק מצאנז** שיסעוד עמו.

ביני לביני הגיע חצות לילה, והלך **הרה"ק מצאנז** למקוה, ובשובו הביתה ערך תיקון חצות כדרכו בקודש. וצוה להגבאי שיערוך לפניהם סעודת הערב. הגבאי ערך השלחן בלי לחם, רק כוסמין עם חלב, זאת היתה תמיד סעודת לילה של **הרה"ק מצאנז** בכל ימי החול. וישבו לאכול, ואמר **הרה"ק מצאנז** להגבאי, לכבוד האורח הגדול לך והביא מעד טוב ישן נושן. ביקש הגבאי מהרבי כסף, באמור לו, כי כבר אנו בעלי חובים בכל העיר ואינם רוצים עוד ליתן בהקפה. התחיל **הרה"ק מצאנז** לחפש בכיסי בגדיו, ולא מצא כלום. ואמר, איך האב נישט קיין גראצער, כי כידוע חילק **הרה"ק מצאנז** בכל יום כל הכסף שהיה לו מכל היום, ולא נשאר לו בלילה אפילו פרוטה אחת. ואמר **הרה"ק מצאנז**, **בארניבער רב** ילוה לנו איזה רייניש, ותיכף הלוה אותו. - ואמר **הרב מבארניב**, שהרבה פעמים הלוה כספים **להרה"ק מצאנז**, והוא לא שילם לי. אמנם עס וועט מיר צוניץ קומען בעלמא דקשוט, ואז שלם ישלם לי במיטב.

**ואמר רבינו:** איך וועל זיך אפשטעלן קודם אויף די הערה. דער **צאנזער רב** האט געליגען ביי אים געלט, און דער **צאנזער רב** האט נישט באצאלט. פריעת בעל חוב מצוה (כתובות פו.). וואס איז טייטש, אז מען נעמט געלט ביי יענעם, און מען באצאלט נישט? דער **צאנזער רב** האט שוין דעמאלטס נישט געלעבט, און ער זאגט, אז ער האט נישט צוריקבאצאלט זיינע חובות.

**קודם** האב איך געטראכט, אז דער **צאנזער רב** האט דאך בדרך כלל גענומען געלט ווייל ער איז געגאנגען פאר צדקה, און עס איז דא א הלכה (שם) כופין על הצדקה, האט אים דער **צאנזער רב** געצווינגען צו געבן צדקה, אויף אזא וועג אז ער האט געליגען ביי אים דאס געלט, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר צדקה. אבער דער תירוץ האט נאכנישט פארענטפערט אלעס, ווייל דא האט דער **צאנזער רב** גענומען געלט צו טרינקען מעד, איז עס דאך נישט געווען פאר צדקה. קען זיין אז דאס האט ער יא באצאלט.

**ער** האב געזאגט, אז דער **צאנזער רב** וועט אים באצאלען אויף יענער וועלט, איך מיין אז דער **צאנזער רב** האט אים באצאלט אויף די וועלט. ווען מען איז שולדיג פאר יענעם געלט, איז דא אסאך וועגן ווי אזוי מען קען עס באצאלן. מען קען נעמען א טשעק און פאר יענעם באצאלן, און מען קען פאר יענעם משפיע זיין, אז יענער זאל האבן געלט, אסאך מער פון וויפיל ער האט אים געגעבן. דער **צאנזער רב** ווען ער האט באקומען פון איינעם געלט, אפילו ער האט עס נישט באצאלט, האט ער משפיע געווען פאר יענעם

געלט מן השמים, און מיט די השפעה וואס ער האט געגעבן פאר יענעם, האט ער באצאלט דעם חוב וואס ער איז אים שולדיג געווען.

*

הלך הגבאי והביא מעד טוב ומשובח, ואכלו יחדיו סעודת הלילה. **והרה"ק מצאנז** בעצמו מילא שני כוסות מעד, אחד עבורו ואחר לו לעצמו, וטרם ששתה פתח פיו ואמר, **בארניבער רב**, מיין הייליגען רבי'ס א קינד, אספר לך מגודל קדושת זקינכם **הרה"ק מראפשיץ זי"ע**. וסיפר לו מעשה אחרי מעשה, תורות הרבה ששמע ממנו, וגם משיחות קדשו, זאת היתה נמשכת כל הלילה, עד קרוב לעמוד השחר.

פתאום דפק שם אחד בחלון ביתו של **הרה"ק מצאנז**, ויצא הגבאי לראות מי דופק, וראה שבא גוי רץ בשליחות, שאחת מנכדיו הולידה בן זכר. ושתה **הרה"ק מצאנז** הכוס, ואמר, לחיים, מזל טוב, ובירך **הרה"ק מצאנז** ברכה אחרונה. ואמר **להרב מבארניב**, ברוך ה' שעמד לה זכות של זקינכם **הרה"ק מראפשיץ**, ופטרו לשלום. **והרב מבארניב** הלך לנוח מכל סדר הלילה, והבוקר אור בא שליח לצאנז מאותה היולדות, והביא מכתב גדול, ובה נאמר שנכדתו של **הרה"ק מצאנז** היה מקשה לילד איזו ימים, והיתה בסכנה ר"ל, והיתה לה נסים גדולים משמים. ואז הבין **הרב מבארניב** כל סדר הלילה, שהיה לו אז **להרה"ק מצאנז** ענין, לעורר בזה זכות זקינו ורבו **הרה"ק מראפשיץ**, לטובת וסגולת המקשה לילד היולדות, להמתיק דיניה, ועבור זה קראוהו וכבדהו, ודיבר עמו מקדושת זקינו ורבו, עד שנשמע ונתבשר הבשורה טובה של המזל טוב.

**והסביר רבינו:** זעהט איס, אז ער האט געדארפט האבן דעם **בארנובער רב** דערצו. אן דעם **בארנובער רב** האט ער אויך געקענט רעדן פונעם **ראפשיצער רב**. נאר אז ער האט מקרב געווען א אייניקעל פון זיין רבי'ן, האט ער געהאלטן אז דאס איז א חלק פונעם זכות. אז מען וויל האבן יענעמס זכות, דארף מען עפעס צוריק געבן אויך. אז ער איז מקרב דעם **בארנוב'ער רב** האט ער געהאלטן אז דאס וועט מעורר זיין אז דער זכות פונעם **ראפשיצער רב** זאל מגין זיין.